# באַגריסונג פון מר. אברהם לוי אמערלינג

אלס איינער פון די ווענינע, וועלכער האָט געהאט די זכיה און דעם גרויסען כבוד זיך צו באַטייליגען אין דער פאראנשטאלטונג פון דעם באַנקעט און אויך דער ארגאניזירונג פון דיזען ספר צוליב דעם גרויסען זיבעציג יעהריגען געבורטסטאג יום טוב פון אונזער אַלעמענס באַליבטען רבין אדמו"ר הרה"צ כ"ק

## הרב ר' יהושע העשיל ראַבינאָווין שליט"א
## המכונה דער מאַנאַסטערישטשער רבי

וויל איך זיך באַנוצען מיט דער געלעגענהייט אין דיזען ספר היובל, אויסצודריקען מיין הערצליכען וואונש, אז השי"ת זאָל איהם העלפען ער זאָל מאריך ימים ושנים זיין, און פאַר פיעלע יאָהרען אין דער צוקונפט אזוי ווי אין דער פארגאנגענהייט, זאָל זיין גרויסע פערזענליכקייט און הייליגער גייסט אויף אונז משפיע זיין און אונז פארשאפען דעם עונג הרוחני, וועלכער האָט אונז פארזיסט אין באַשעהנט אונזער לעבען ביז יעצט, און וועלכער איז אזוי דרינגענד נויטיג געגען דער וואַכעדיגקייט פון דעם אידישען לעבען אין אַמעריקא.

ברגשי כבוד,

אברהם לוי אַמערלינג.